מכון טעמו וראו
גילוי רצון ה' למעשה

# טעמו וראו

הערליכע לערנבארע שמועסן
פון בארימטן משפיע הרה"ח רבי דוד אייזנבאך שליט"א

• גיליון כ"ג - פר' חיי שרה תש"פ •

## שידוכים

אונז שטיין אין פרשת חיי שרה. אין די פרשה טרעפט מען א אינטרעסאנטע זאך: דער נושא פון שידוכים, מ'גייט זוכן א שידוך פאר יצחק.

דער נושא איז זייער א ברייטער נושא. און ביים סוף פון דעם מאמר וועט מען בעז"ה אנקומען, וואס האט דער נושא פון שידוכים צוטוען מיט א מענטש יעדן טאג, יעדן מינוט וכו' וכו'.

אבער, פאר ווען מ'וועט אריין גיין אין דעם נושא וועט מען דאס א ביסל צונעמען: אין שידוכים טרעפט מען א גאר אינטרעסאנטע זאך אין דער מושג פון א שידוך. קודם לאמיר זעהן אין די תורה, אין תנ"ך זעט מען, רוב שידוכים זענען געווען אין משפחה. עד כדי כך, אז ביי אדם הראשון איז דאס א חלק פון עם אליין עצם מעצמי ובשר מבשרי. ביי אברהם אבינו איז ער געווארן א איידעם ביי זיינער א ברודער [נחור], יצחק אבינו איז געווארן א איידעם ביי זיין קרוב [בתואל בן נחור], יעקב אבינו איז געווארן א איידעם ביי א פעטער [לבן בן בתואל]. מיט די שבטים נולדו תאומות, און יעדער איינער האט חתונה געהאט מיט זיין צווילינג שוועסטער וואס איז ווי א חלק פון עם אליין (ווי מ'רופט דאס). און אזוי וועט מען טרעפן אין גאנץ תנ"ך.

### שידוכים אין אונזערע אויגן

אבער, אונז זענען צוגעוואוינט אז מ'גייט זוכן א שידוך. ווי אזוי איז געבויט א שידוך? א שידוך איז געבויט פון אזא סארט זאך, אז מען טוט צופאסן צוויי פרעמדע מענטשען וואס קוקט אויס צוויי זאכן, וואס פאר די אויגן קוקט עס אויס, אז איינס, האט נישט שייכות מיט די צווייטן. און למעשה אין גמרא רופט מען דאס, אז א מענטש זוכט זיין אבידה - ווייל **ס'האט באמת גאר א שייכות צו עם.** און נישט נאר, אז ס'וועט האבן שייכות צו עם, נאר ס'איז **איינס** מיט עם. ווייל ווען מ'שטעלט צוזאם א שידוך, ווערט נתגלה דער כח פוןביידן, און ס'בויט זיך דער עתיד וואס צוזאמען ווערט נתגלה יעדעם איינעמס כח. עס ווערט נתגלה אז זיי האבן איין שורש און צוזאמען בויט מען די וועלט.

ווי מיר טרעפן אין חז"ל די גמרא, מ'לייגט אריין תבואה אין דער ערד און ס'רעגנט - ווערט נתגלה דער כוח פון דער ערד. די ערד אליין הייסט א 'מלכות', ס'איז מקבל די תבואה, די קערל, און ס'רעגנט. און צוזאמען פון די תבואה מיט די רעגן, גיט די ערד ארויס א כוח פון וואקסן נייע, און ס'ווערט נתגלה דער חיות בעולם, דארך דעם לעבט די גאנצע וועלט.

### טוען א שידוך איז נישט פון פשוט'ע זאכן

אז מען טראכט גוט אריין, וועט מען כאפן א זאך און מען וועט זעהן אז אזוי ווי ס'איז דא טיפקייטן אין חתונה האבן. איז דא א חלק פון זוכן דעם שידוך, אירוסין, קידושין, חופה, חדר יחוד, וכו' וכו'. ס'האט טיפקייטן, מ'וועט באלד זעהן ווי ס'איז אויכעט געבויט אונזער גאנצע לעבן מיט די אלע סארטן טיפקייטן.

נאך מער, מיר טרעפן ביי שידוכים איז דא אסאך סארטן צורות. ס'איז דא, **אדם הראשון** - דער אייבישטער האט עם **געבערענגט** א ווייב. און דער לשון וואס שטייט ביי **אברהם** - ער האט **גענומען**, פאר **יצחק** האט מען **געברענגט**. ווייטער **יעקב** - איז געגאנגען ארבעטן 02 יאר. אסאך יארן וועגן זיין שידוך, ער האט **געדארפט גיין ווייט**, זוכן זיין שידוך. מען זעט אז עס איז א עקטערע עבודה צוזאמצושטעלן א זיווג.

[און חוץ פון דעם אין דעם גאנצע נושא פון שידוכים איז נאך דא א עקסטערע שיעור בעז"ה, דעם חלק התפילה וואס טוט זיך ארום דעם נושא פון שידוכים, וואס מיר טרעפן אויכעט דא אין פרשת חיי שרה לגבי אליעזר.]

### מיט אונזער עבודת השי"ת זענען מיר עוסק אין שידוכים

אבער, לאמיר פשוט אנהייבן וואס קומט פאר ביי א שידוך, און וואס איז דאס אונז נוגע למעשה אין חיי היום יום:

א איד דארף צו וויסן אז ער ארבעט נאכאנאנד אין דעם מושג פון שידוך, ס'איז דא אזא זאך וואס רופט זיך: "יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה". ס'איז דא א הקב"ה,

מ'זעהט עם נישט אויף די וועלט, ער ווערט נישט נתגלה אויף די וועלט. און אונז אידן קומען, און מ'האלט אין איין ארבעטן אין עם מגלה זיין אויף די וועלט - דאס איז א שידוך! ס'איז א שידוך פון כביכול הקב"ה מיט די בריאה.

### *פרסום אלוקותו בעולם = 'גילוי אלוקים'*

א איד שטעלט זיך אוועק און ער טוט א מצווה, און א גוי פרעגט עם: 'וואס טוסטע דא? שאקלסט א לולב?' זאגט ער: 'וואס הייסט, איך בין מגלה דעם רצון העליון, וואס הקב"ה האט געגעבן די מצווה און ממילא איז דא א מצוה און מיט די חפצים בין איך עם מגלה אויף די וועלט'.

אבער, ס'איז דא דרגות, אין ווי אזוי צו מגלה זיין דעם כוח הבורא דארך דעם נברא. ס'איז דא א דרגה וואס רופט זיך בית המקדש, יעדער מצווה, די בריאה. אין די בריאה אריינשאנען דעם אויבערשט'ן, אין די דברים הנבראים, אין די דברים הגשמיים.

אבער, אזוי ווי אין שידוכים איז דא אזא זאך: אמאל מ'לויפט נאך, און אמאל קומט דאס אינטער. פונקט אזוי איז דא דער "נרדפה לדעת את ה'". מ'זוכט דעם שידוך, מ'זוכט ווי אזוי צו עם דינען. מ'קען עם אלעמאל מגלה זיין, אבער ס'איז דא זאכן וואס מ'דארף לויפן און גיין און זיך מיטשען ביז מ'וועט אנקומען אויף דעם סארט 'גילוי אלוקים'.

### *שידוכים ווען א יוד עסט*

למשל, א דוגמא: אונז זענען צוגעווינט אז מ'איז מגלה דעם אויבערשט'ן, ווען? ווען מ'דאווענט, ווען מ'לערנט, ווען מ'טוט מצוות. אבער, ווען א איד וועט וויסן אז ווען ער זעצט זיך אוועק עסן, אין יעדער סארט אכילה, אפילו ס'קוקט אויס גשמי, מוירדיג גשמי. איז דא אין די מוירדיגע ניצוצות הקדושים, וואס ער דארף מעלה זיין בשעת די אכילה - און, דא הייבט זיך שוין אן א זאך וואס רופט זיך - ער דארף גיין זוכן דעם שידוך. ער דארף גיין טרעפן, און קענען אראפברענגען דא במחשבה, מגלה זיין צוריק דעם אויבערשט'ן דא, אויף די וועלט! אויפזוכן די ניצוצות, און מגלה זיין מיט די עסן, מיט די סעודה דעם אויבערשט'ן. דאס איז א גרויסע עבודה! דאס איז שוין זוכן א שידוך, און אפילו ארבעטן זייער שווער אויף א שידוך...

### *זיך שטארקן אין אמונה*

די זעלבע זאך, א צער וואס א מענטש גייט דארך. א מענטש גייט דארך א צער, מ'זעהט נישט דעם אייבישטער - האט ער די חלק האמונה, ער גלייבט, 'יא, דער באשעפער האט מיר דאס געמאכט'. ער הייבט אן אראנשיינען אין דעם "יחוד קודשא בריך ושכינתיה", שיינט אריין אין דעם דעם אויבערשט'ן.

און, ס'האט אויכעט דרגות, אזוי ווי מ'האט געזאגט אז ס'איז דא אירוסין מיט קידושין. די זעלבע זאך, אין גילוי פון אויבערשט'ן איז דא - דער מקבל יסורים, די אמונה, דאס איז איין דרגה. ער איז מקבל באהבה - דאס איז נאך א דרגה. אזוי ווי ס'איז דא "יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה". ס'איז דא אויכעט "ביחודא שלים" - ס'איז א טיפערע דרגה אין יחוד.

אזוי ווי אין א קידושין אין חופה, חדר יחוד וכו' וכו', איז דא דרגות אין יחוד. אזוי איז אויך דא אזא זאך "יחודא שלים", ס'איז דא מאלן וואס מדערמאנט דאס ב"יחודא שלים" - ס'איז דא א שלימות'דיגע יחוד, א גרעסערע דרגה אין יחוד.

### *זוכן די שכינה ביי יעדן מצב*

למשל, איך בין יעצט אין חו"ל, איך לערן אפ די זאך און קלער גוט אריין. קוקן, קוקט אויס, אז איך גיי ארבעטן, אזוי ווי יעקב אבינו. אבער למעשה, איז דא דא א טיפערע זאך, מיר רופן דאס - דער שידוך, וואס איך דארף דא מגלה זיין דעם אויבערשט'ן אויף די וועלט. און איך האב געדארפט גיין ביז חו"ל - כדי צי דא מגלה זיין דעם אויבערשט'ן, מיין תיקון, דעם "לתקן עולם במלכות שקי". ס'קוקט אויס, אז איך גיי וועגן מיינע דברים פרטיים, וועגן גשמיות, גיין צאם נעמען געלט וכו' וכו'. אבער בפנימי איז דאס אסאך טיפער.

ווייל בפנימי, האט דאס אויכעט דרגות: ס'איז דא א דרגה פון א פשוט'ע מענטש איז מאמין אז "מה' מצעדי גבר כונני". "ברוך אתה ה' המכין מצעד גבר", דאס איז די דרגה פון "יחוד קודשא בריך הוא ושכינתא" אין א קלענערע מדרגה. א מענטש נעמט דאס אריין טיפער און טיפער. ס'איז דא דרגות און דרגות און דרגות אין "יחודא שלים" ווי שטארקער ער איז באמת מגלה דעם אויבערשט'ן אויף די וועלט.

### *הלכה למעשה*

ממילא, דארף א איד וויסען אז למעשה, איז ער נאכאנאנד א שדכן צווישן כביכול הקב"ה מיט די בריאה, ער שטעלט דאס צוזאם. אין דארך דעם ווערט נתגלה כוחו של הקב"ה בפועל - ס'ווערט ממש נתגלה.

און כאטש כביכול הקב"ה איז דאך דא אויף די וועלט, און "לית אתר פנוי מיניה", און "עשה עושה ויעשה לכל המעשים", און ער איז כל יכול, און ער איז "ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין" - יא, ס'איז אלעס גוט, און וואויל און פיין, מ'האט באשטימט דער מענטש דעם 'קרוץ מחומר' ער זאל אויסרופן און דאס מגלה זיין, און זיך אוועקשטעלן אויף א צורה פון א מלכות, כביכול פאר הקב"ה, און אויסריפן די באשעפער אויף די וועלט. וועגן דער מענטש וואס רופט אויס דער באשעפער אויף די וועלט, און ער איז עם מגלה, דעמאלץ ווערט באמת דער "יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה" אין די נקודת שידוך, אין ער ברענגט אראפ דעם אויבערשט'ן אויף די וועלט, און דער אויבערשט'ן ווערט נתגלה.

למעשה, איז דאס די עבודה פון א איד א גאנצע לעבן. בפרט, דער מושג פון ארבייטן

אין שידוכים און זוכן די אבידה, איז אסאך מער ביי די וואס גייען ארויס ארבייטן 'על המחיה ועל הכלכלה'. ווי די וואס זיצן און לערנען א גאנצן טאג, און טועהן "שבתי בבית ה' כל ימי חיי".

איינער וואס ער לערנט שפירט: 'יא, איך בין תורם אין מגלה זיין דעם אייבישטער אויף די וועלט'. אבער א איד וואס ער גייט ארויס פון די ד' אמות של הלכה, און ער גייט ארבייטן און ער גייט טועהן, האט ער א עקסטערע ארבייט פון שדכנות, פון נאכאנאנד משדך זיין דעם אויבערשט'ן צו די זאך וואס ער איז עוסק. וואס ער טוט, אמאל איז דאס **'נקודת האמונה'**, א קלענערע דרגה. אמאל איז דאס **'בחינת בטחון'** וואס איז שוין א העכערע דרגה. אמאל איז דאס א נקודה פון נאך העכער, יחודים, "יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה", האט טיפער און טיפער און טיפערדיגע מדרגות.

### 'דער אייבישטער פירט אלעס'

אבער, קודם א איד ווייסט ווען ער גייט ארבייטן, 'דער אייבישטער פירט אלעס'. שפעטער איז ער בוטח אין אויבערשט'ן, ס'ברענגט עם ראויגקייט, צי עם מקיף זיין אלע מידות, זיין חסד, גבורה, תפארת, אלע סארטן מידות וואס ער האט אין זיך. זיינע הרגשים, 'אה, ס'איז ראויג, איך האב א באשעפער וואס ער פירט מיר'... איז וואס איז די נסיונות וואס איך גיי דורך על המחיה ועל הכלכלה, אזוי ווי ווען איך וואלגער זיך דא, נאכאנאנד איז דאס א נסיון, ער וויל אהער, דער אייבישטער געבט אריין אזעלכער רצונות, און ס'ווערט נישט, "רבות מחשבות בלב איש", דער אויבערשט'ן האט געקענט מאכן זאלסט האבן נאר איין מחשבה, נאר ווען איך וואלט געהאט נאר איין מחשבה, און דאס וואלט געווען מיין מהלך, און עס וואלט געגאנגען, וואלט איך נישט געדונט דער אייבישטער, פארוואס זאל איך דינען? האט דער אייבישטער געגעבן "רבות מחשבות בלב איש" כדי צו זעהן אז "עצת ה' היא תקום" אז זיינער פלאנען ווערט.

דאס איז די 'דרך' וואס די אויבערשטער האט אריינגעגעבן, און אויכעט א דורך די 'דרך', 'דרך' איז א ענין פון שידוכים, דער ענין פון חתונה האבן הייסט 'דרך'.

א מענטש גייט אויפ'ן וועג, דער גאנצע לעבן איז א לאנגע לאנגע וועג - א לאנגע לך לך, ווי מ'האט געזאגט אין פרשת לך לך, ס'איז א לאנגע וועג, א דרך.

אויף די וועג דאגה'ט ער וועגן שידוכים און מיט דעם ברענגט ער אריין כביכול הקב"ה אויף די וועלט, ער איז מגלה דעם אויבערשט'ן אויף די וועלט.

דער אייבישטער זאל אונז העלפן, מ'זאל קענען אלעמאל מגלה זיין דעם באשעפער אויף די וועלט, על כל צעד ושעל!

## חיזוק יומי / קשה זיווגו של אדם ?

אין דעם ערשטן מאמר פון פרשת חיי שרה, האט מען גערעדט דער נושא וואס רופט זיך שידוכים, און ווי מען האט דאס ערקלערט אז דאס איז אן ענין פון "יחוד קודשא בריך היא שכינתיה". מיר טרעפן נאך א מוירעדיגער יסוד אין פרשת חיי שרה, אין דעם נושא פון שידוכים.

ס'איז ידוע, ס'שטייט אין רמב"ם אז פאר מתן תורה - א מענטש איז געגאנגען אין גאס, געטראפן א ווייב און ער האט חתונה געהאט מיט איר. מ'מעג חתונה האבן, און אזוי האט ער אויכעט מגרש געווען - דאס איז דער טייטש, אז ס'איז נישט געווען אזא שווערע זאך צו טרעפן א שידוך.

פרעגט זיך א מוירעדיגע שאלה, למעשה שטעלט זיך דא אוועק אין חיי שרה 3 שאלות:

א. א גאנצע סוגיא, א גאנצער עסק ארום גיין זוכן א שידוך - ס'איז אזא שווערע זאך?

ב. און מיר טרעפן דארט, וויפיל האט אליעזר מתפלל געווען, וויפיל תפילות ליגט אין כח השידוך.

ג. און בכלל, מיר זעהן אין תנ"ך, אז אלע האבן גענומען א שידוך סיי ווי סיי פון משפחה, פון קרובים, ס'איז נישט געווען אזא שווערע זאך. דער ענין פון שידוכים פלעגט זיין נאר אין משפחה. און אויף דעם שידוך פון יצחק האט טאקע אברהם אבינו אויכעט געזאגט: 'גיי צו מיין משפחה', און ווי מען האט שוין דערמאנט אין דעם ערשטן מאמר וועגן אברהם אבינו'ס שידוך' - און אויף אנדערע שידוכים, רוב וואס מיר טרעפן אין די תורה האט מען חתונה געהאט אין משפחה. אפילו אין תנ"ך, מ'פלעגט חתונה האבן אין משפחה.

איז אויב אזוי וואס איז די גאנצע זאך, מ'גייט זוכן א שידוך, און ס'קאכט זיך תפילות מיט נאך תפילות, יצחק אבינו "ויצא יצחק לשוח בשדה", ער איז זיך מתפלל, ס'קערט זיך א וועלט.

### וואס מער הייליג אלץ מער נסיונות

אבער, ווען מ'ווערט דאס וועלן פארשטיין איז דאס בכלל נישט קיין שווערע זאך צו אנקומען צו די נקודה, א פשוט'ע נקודה: ס'איז דא א כלל, וואס מער א העכערע זאך, וואס מער א חשוב'ע זאך אויף די וועלט, וואס מער א הייליגערע זאך - וואס מער א זאך האט א גרעסערע גילוי פון אויבערשט'ן - האט דאס אלץ מער גרעסערע מעכבים, גרעסערע מקטרגים,

און דער ס"מ לייגט אריין אסאך כוחות, דאס זאל ח"ו נישט ווערן.

ממילא, ס'איז ידוע, ס'שטייט אין רמב"ן שער הקדושה, אז דער ענין פון "יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה", וואס קומט ארויס פון דעם ענין פון שידוכים, איז זייער זייער א הויכע זאך, און דאס איז פון די העכסטע מצוות, ס'איז דערגרעכט אין די העכסטע עולמות. ס'איז פון די גרעסטע גילוי אלוקות וואס ס'איז דא אויף די וועלט, און ס'איז א מוירעדיגע הייליגע זאך. און אויף דעם איז דא מקטרגים.

**שדכ"ן = שקר דובר וכסף נוטל,**

ס' שטייט פון רבי'ן ר' ברוכ'ל: אז דאס אז שדכ"ן איז ראשית תיבות: **ש**קר **ד**ובר **ו**כסף **נ**וטל, איז א פשוט'ע סיבה - ווייל ס'איז גאר א הויכע זאך, איז דא מקטרגים, מוז מען געבן - אזוי ווי ס'איז דא א 'שעיר לעזעזל', מוז מען געבן דעם נקודת השקר פארן צווייט'ן צד כדי ס'זאל ווערן דעם שידוך.

מיר טרעפן, אפילו, ביי יעקב וואס האט חתונה געהאט מיט לאה מיט רחל, איז שוין געווען די בחינה פון **ש**קר **ד**ובר, (למעשה איז געווארן צום סוף א מוירעדיגע פגם מיט דעם וואס ער האט עם אנגענארט און געגעבן לאה), אבער מ'זעהט אז כדי די הייליגע שבטי קה זאלן ארויסקומען האט געדארפט פאסירן אזא סארט זאך.

***יגעת ומצאת תאמין***

און ממילא, פארשטייט מען שוין מער קלאהרער די גאנצע זאך, אז ס'איז דא אזא זאך, ס'איז דא איינער וואס וויל דאס פארשטערן. ממילא איז דא א מוירעדיגע זאך וואס רופט זיך די 'תפילה' און אז ס'איז דא אזא זאך, ס'איז דא איינער וואס וויל דאס פארשטערן.קען מען שוין פארשטיין פארוואס מ'זוכט אזוי שטארק, ווייל ס'איז דא איינער וואס באהאלט דאס!.

***נקודה למעשה***

וואס גייט ארויס א נקודה למעשה אין עבודה ה', איז מ'דארף וויסן אז וואס מער א העכערע זאך, איז דא ביי דעם גרעסערע מקטרגים, דארף מען דאס מערער זוכן, און מער מתפלל זיין כדי צו קענען אנקומען צו דעם.

און וואס מער רוחניות'דיג א זאך איז, למשל, אין עשיית מצוה אין עולם המעשה איז נישט אזוי שווער. צו טועהן א מצווה, נאר וואו לייגט אוועק דער בעל דבר זיינע כוחות? אויף די מחשבה, אויף די כוונה. א מענטש דאווענט "עקימת שפתים הוי מעשה". די ווערטער - האט נישט דער כוח אזוי שטארק דעם 'בעל דבר'. שטערט דאס נישט אזוי שטארק לייגט ער נישט אריין זיינע כוחות דאס צו שטערן, אבער אויפ'ן "יחוד קודשא בריך ושכינתיה", וואס איז אין דעם חלק המחשבה. דעם חלק הרוחני - דארטן לייגט ער אוועק די כוחות. און מ'דארף טאקע דאווענען - אז מ'זאל קענען דאווענען, דאס הייסט אז מ'זאל דאווענען אז מ'זאל זיין מחובר.

***דאווענען אז מ'זאל זוכה זיין צו קירבת אלוקים***

ס'קומט אויס, א מענטש זעהט אז א מצווה וואס ס'קומט עם אן מער שווער, איז ידוע אין ספרים הקדושים, אז א מענטש זעהט א גרויסע מניעה, זאכן וואס שטערט עהם אין א עשיה פון א מצווה, דאס טייטש אז דא ליגט א גרעסערע סוד, א גרעסערע גילוי אלוקים - דארף ער זיך מער מתגבר זיין, און כדי צו זיך מתגבר זיין דארף ער מתפלל זיין. אזוי ווי מיר זעהן דא די נקודת התפילה פון דעם שידוך פון יצחק.

דער אייבישטער זאל אונז העלפן, מ'זאל אלעמאל מתפלל זיין, אז מ'זאל יא זיין צוגעטשעפעט צום אויבערשט'ן, און יא מאכן דעם 'שידוך' (ווי מ'רופט דאס) פון דעם "יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה", צו מגלה זיין דעם אויבערשט'ן אויף די וועלט, נישט נאר אין עשיה, נאר אויכעט אין רוחני, אין מחשבה, דיבור, מעשה, און דאס קען גייט מדרגה לדרגה.

דער אייבישטער זאל העלפן מ'זאל דאס מקיים זיין!

טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'

**כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"**

להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות

**ניתן לפנות בכתובת אימייל:** a8426277@gmail.com

טל': 050-417-0448

## א פריילִיכע מעלדונג

די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:

ארץ ישראל - 02-5368970

ארה"ב - 646-585-3065 אייראפע - 443303900488

הערטס און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן

**ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"**

שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1